„Radomer-Kielcer Leben" 14 (304) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-טער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

צייטונג 8 זייטען.

Radom, Piątek 4 Kwietnia 1930 r.

ראַדאָם, פרייטאג ו' ניסן תר"ץ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען - פּרייז:

| | |
|---|---|
| אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט | 40 גר. |
| „ „ „ אין „ | 60 „ |
| „ „ „ נאָכ'ן „ | 25 „ |

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4

טעאַטער פּאַלסקי קעלץ.
מיטוואָך דעם 16-טן ה. ח.
צווייטער טאָג חומ"פ 8.30 אָוונט

נאָר 1 רעסיטאַל-קאָנצערט

טעאַטער ראָזמאַיטאָשצי ראַדאָם.
דינסטאָג דעם 15-טן ה. ח.
דעם ערשטען טאָג חומ"פ 8.30 אָוונט

סאַר זיין אָבפאָהרען אויף אַ טורנע פון 30 קאָנצערטען אין אַמעריקע

פון לאָורעאַט פון וויענער מוזיקאַלישער אַקאַדעמיע בעריהמטער פידלער

# שמעון באַקמאַן

ביים קלאַוויר איגנאַצי ראָזענבאַום.

אין פּראָגראַם: וויטאַלי, הענדעל, קאָרעלי, לאַלאָ, גאָלדמאַרק, בלאָך, נאַשע, סמעטאַנאַ.

צו דער האָכצייט פון אונזערע שוועסטער און שוועגערין
סאַלטשע בייערפריינד
מיט ה' אברהם'משע הורוויטש
פון זאַוויערטשע
ווינשען מיר צוויגע צופרידענהייט
און אַ גליקליכע צוקונפט.
דוד רוטמאַן עט פרוי.
ראַדאָם.

# א ווילע
## אויף אַרענדע

אַ ווילע פון 22 שטובען
מיט אַ עס-צימער און אַ קיך
איבערצוגעבען אויף דזיערזאַוויע.

די ווילע געפינט זיך אין אַ גוט-קלימאַטישער געגענד. אַלע צימערען זענען שעהן און זוניגע און געפינען זיך אין וואַלד.

די ווילע איז אין דאָמבראָווע נעבען שידלאָוועץ. גענויע אינפאָרמאַציעס ביי ד"ר צונג, ראַדאָם, — לובלינער 33. —

# מכירת חמץ

אזוי ווי אַלע יאָרען אזוי אויך היי-יאָר, וועט מען פערשרייבען דאָס חמץ אצל האלמנה מהרב ר' מנחם מענדל ווייַנגאַרט זצ"ל הנקרא ר' מענדל ברעזינער דורך אַ בעוויסטען בעל הוראה לובלינער № 3.

# צו דער עפענטליכקייט!

צוליב דער לעצטער אינטערעסאַנטאַרטליכער העצע פון די אַזוי גערופענער חברת „כרמל" אין וואַרשאַ, אויף דער ארץ-ישראל'דיגער וועלט-פירמע פון ווייַן און קאָניאַקען

# „כרמל-אָריגינאַל"

## (אינהאַבער ש. פרידמאַן און זעהנע)

בעת וועלכער די געזאָגטע האָבען זיך שוין ערלויבט צו בענוצען דעם אויסדריק סאַלסיפיקאַט, זענען מיר געצוואונגען צו ערקלערען פאָלגענדעס:

1) „כרמל-אָריגינאַל", וועלכע עקזיסטירט זייט יאָהר 1889, איז די ערשטע און עלטעסטע ווייַן-פירמאַ אין ארץ-ישראל, די ווינען פון דער פירמאַ זענען פערשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט מיט דערזעלבער אָריגינעלער שוץ-מאַרקע און עטיקעטען. דאָס גערופען אונזער אַלט-עקזיסטירענדע 42-יעהריגע מאַרקע אַלס פאַלסיפיקאַט איז דערפאַר אַ אונערהערטער בלבול און חוצפה פון אונפעראַנטוואָרטליכע פערזאָנען.

2) בנוגע די דראָהונגען פון וואַרשאָווער „כרמל" אויפ'ן אדרעס פון די ה"ה ווייַן-סוחרים ערקלערען מיר. אז מיר נעמען אויף זיך די פאָלשטענדיגע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַלע כלומרשט-יורידישע „קאָנסעקווענצען", א.ב. איז דער פאַקט אַ פערקעהרטער, נישט בלויז וואָס מיר האָבען נישט בדעה זיך צו בענוצען מיט'ן נאָמען פון וואַרשאָווער „כרמל" נאָר מיר מאַכען אויפמערקזאַם אונזערע ג"ה סוחרים און קאָנסומענטען דורכאויס אכט צו לעגען אויף דער מאַרקע „כרמל-אָריגינאַל", וועלכער איז דער אמת-ריכטיגער גוטער און כשר'ער ארץ-ישראל ווייַן.

מיר בעטען די ג"ה סוחרים און קאָנסומענטען צו פערגלייכען אונזערע ווייַנען און קאָניאַקען „כרמל-אָריגינאַל" מיט די אַלע איבעריגע רעקלאַמירטע ארץ-ישראל ווינען און דאַמאַלסט וועט זיך יעדער איבערצייגען, ווי אזוי אָריגינעלער ארץ-ישראל-ווייַן זעהט אויס און פאַר אַלעמען וועט קלאָר ווערען די ריכטיגע סבה פון דער שר'עק ביי אונזערע קאָנקורענטען אז אונזערע ווינען זאָלען פערשפרייט ווערען אין פוילען. צו דעם צוועק שיקען מיר ארויס אויף יעדער טעלעגראַפישער און בריעפליכע ווענדונגען איינגאַנצען אומזאָנסט אַלס פּראָבע-מוסטערן פון אַלע סאָרטען ווייַנען „כרמל-אָריגינאַל".

4) בנוגע דאָס אריינמישען מיין פערזענליכען נאָמען אין צוזאַמענהאַנג מיט עפעס פאַלסיפיקאַטען, האַלט איך נידעריגער פון מיין כבוד מיט די פערזאָנען צו פאָלעמיזירען, איך וואָרן אָבער אויף להבא צו זיין מיט זאָלכעס זעהר פאָרזיכטיג.

מיט אכטונג

הורט-פערקויף פון ארץ-ישראל'דיגע ווייַנען קאָניאַקען „כרמל-אָריגינאַל"

בונם אלטר,
וואַרשאַ, נאַלעווקי 21.

# „געטרייע" טעכטער, וואָס זענען משלח דעם איי־גענעם טאַטען אויף יענער וועלט.

דאָס איז שוין א געשיכטע פון צוויי יאָהר און ערשט היינט איז זי קאַפּויער געשווימען אויף דער אויבערפלאַך.

ס'האַנדעלט זיך נישט מעהר און נישט ווייניגער. ווי וועגען א מאָרד, וואָס אייגענע טעכטער זענען בעגאַנגען איבער זייער טאַטען.

דער מאָרד איז פאָרגעקומען און ענטדעקט געוואָרען ביי פאָלגענדע אומשטענדען:

אין יאָהר 1928, הערבסט-צייט זענען איינינגע איינוואָהנערינס פון אַ דאָרף געבען וויעזשביצע געקומען אויפ'ן דאָרטיגען פאָליציי-פּאָסטערונעק און מיט א געוויין איבערגעגעבען, אַז דער פאָטער זייערער טאַמאַש האַמערא איז געפאָהרען אויפ'ן יאַריד קיין ראַדאָם, פון וואַנען ער האָט זיך מעהר נישט צוריקגעקעהרט.

זייט דעמאָלט איז אוועק א צייט פון אנדערטהאַלבען יאָהר און וועגען האַמער'ען האָט מען גענצליך נישט געהערט.

ערשט די פאָריגע איז דער פאָטער-מאָרד ענטדעקט געוואָרען און אָט ווי אַזוי:

דאָס היינטיגע יאָהר האָבען אין וויעזשביצע זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען קלאַנגען, אַז דער פערשווינדענער האַמערא ליגט אייף זיין אייגענעם פלאַץ. דער פאָליציי-פּאָסטערונעק האָט זיך ערנסט בעצייגען צו די דאָזיגע קלאַנגען און מ'איז צוגעטרעטען וואכען. גראָבענדיג אויפ'ן פּלאַץ, וואו ס'איז געשטאַנען דער באַראַק אין וועלכען האַמערא מיט זיינע טעכטער האָבען געוואָהנט — האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף א מענשליכען סקעלעט, וועלכער האָט זיך ביים בעטראַכטען אַרויסגעוויזען, אַז ער שטאַמט פון דעם לאַנג-געזוכטען האַמערא.

די דורכגעפיהרטע מעדיצינישע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, לויט דעם צעקלאַפּטען מוח-שאַרבען און די שניטען, אַז דאָ איז אויסגעפיהרט געוואָרען א מאָרד מיט טעמפּע אייזען-מכשירים.

דאָס אָרט. וואו דער סקעלעט איז געפונען געוואָרען איז פּונקט אין דער מיט פון דער שטוב, וואָס ס'האָט געוואָהנט האַמערא מיט זיינע צוויי טעכטער. קיין פאָדלאָגע איז דאָרט נישטאָ, נאָר אנשטאָט אַ פאָדלאָגע איז דאָרט פערדעקט מיט א הויכער שיכט ערד.

דער חשד איין אויספיהרען דעם מאָרד איז גלייך געפאַלען אויף האַמערא'ס טעכטער מאַריאַנא און אננאַ. מחמת וואָס צווישען טאַטען מיט די טעכטער איז אָפט פאָרגעקומען אמאַנטורעס, וועלכע האָבען זיך נאָך מעהר פערשאַרפט, ווען מאַריאַנא, איז אַלס מיידעל געוואָרען מעוברת. דער אַלטער




פאָטער האָט איהר געשלאָגען צוליב דער בושה, וואָס זי האָט איהם פערשאַפט.

אין קריטישען טאָג האָט האַמערא פערקויפט א וואָגען פאַר 750 זל. און מיט'ן געלד זיך געלאָזט געהן קיין סקאַרישאָוו קויפען שטיוועל. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען איהם מעהר נישט געזעהן. מאַריאַנא צוליב'ן נישט געלונגענעם בעווייזען די שוואַנגערשאַפט איז דערנאָך געשטאָרבען און אננאַ האָט באַלד נאָכ'ן טאַטער'ס פערשווינדען אָפּגערען פערלאָזט דעם באַראַק און חתונה געהאַט. ס'האָט נישט לאַנג גענומען און דער באַראַק איז איינגעפאַלען.

די אַלע פּרטים דערוויסט מען זיך ערשט פון עדות, די אַרומיגע שכנים.




אין מיין לעבען איז אריינגעטרעטען אַ רוהיגקייט, אַ זיכערקייט און אַ צופרידענקייט. מיין פרוי האָט מיר נאָכהער געבאָרען אי, פערלויף פון עטליכע יאָהר צוויי שעהנע טעכטערלעך, אויף וועלכע איך האָב שוין דעם מינדעסטען צווייפעל נישט געהאַט. די ראָזיגע קינדער זענען געווען צו מיר ענליך לויט דעם אויסזעהן און אפילו לויט די אייגענשאַפטען פון מיין פּסיכישען צושטאַנד. זיי זענען געווען שעהן, אויסגעוואַקסען זעהר געראָטען און וואויל, און איך האָב אָנגעהויבען פיהלען דעם טעם פון נחת פון קינדער. דאָס האָט מיר אונטערגעגעבען מוטה און קוראַזש און איך האָב פלייסיג געאַרבייט אין מיינע געשעפטען, וועלכע האָבען מיר געבראַכט רייכטהום און צופרידענהייט. מיין פאַמיליען-צושטאַנד און מיין גוט סיטוירטע מאַטעריעלע לאַגע האָט פאַר מיר אויסגעטראָטען א וועג צווישען די אָנגעזעהענע בעלי-בתים פון שטאָדט, וואו איך בין געווען געאַכטעט און געשעצט.

אַזוי איז נאָר געווען א טייל פון מיינע יאָהרען און נאָכדעם האָט זיך דער מייוועל פערגליסט מיר א שפּיעל צו טוהן מיט מיין נשמה.

ס'זענען אוועק יאָהרען. איך בין עלטער געוואָרען, מיין פרוי דאָס זעלבע. אָבער מ'ט'ן אויסנאָהם, וואָס זי האָט זיך געהאַלטען בעסער פאַר מיר. זי האָט נאָך אויסגעזעהן יונג, שעהן און איז נאָך אימשטאַנד געווען מ'ט איהר רייץ און גראַציע אַרויסצורופען אינטערעס און פערעהרונג זאָגאַר ביי יונגערע מענער. אַ סנים, אַז מיין פרוי האָט דערפון געוויסט און שוין זייענדיג אַ פרוי איבער פערציג און האָבענדיג צוויי דערוואַקסענע טעכטער, האָט זי פונדעסטוועגען נישט אויפגעגעבען איהר קאָקעטעריע און איהר שטרעבונג נאָך אַלץ געפעלען צו ווערען פרעמדע יונגעלייט. זי האָט זיך זעלטען שעהן, אָבער יונג געקליידט, געהאַט אַפּילו נאָך די אַמביציע, אַז די יונגע בחורימלעך, וועלכע פלעגען אָפט פערקעהרען אין מיין הויז צוליב מיינע יונגע מיידלעך — אַז אָט די יונגעלייטלעך זאָלען איהר האַלטען פאַר אַ יונגע דאַמע. און ווי־דק־יך האָט זי מיט איהר אימפּאַזאַנטער האַלטונג ווינרער בעוויזען. ווען זי איז פערטיג געוואָרען מיט איהר טואַלעט, האָט זי אויסגעזעהן נישט פיעל עלטער פון איהרע אייגענע טעכטער, וועלכע זי האָט פיל מאָהל טאַקע פערקאָנקורירט און צונעצויגען צו זיך זייערע פערעהרער...

מיינע יונגע טעכטערלעך, טראָץ זייער שעהנקייט און געבילדעטקייט זענען זיי אָבער געווען יונג, נאַאיוו, אומדרייסט און גאָר ווייניג נאָך ערפאַהרונג געהאַט פון דער מענער פּסיכאָלאָגיע, דאָגעגען זייער מוטער, ס'הייסט מיין פרוי, איז געווען איבער-גענוג ראַפינירט, קלוג און אויסגעצייכענט געקענט אַלע ראָמאַנטישע געננ און אינטריגעצען און פון איהר אַמאָליגער פערגאַנגענהייט'ס-פּראַקטיק גענוי געוויסט, ווי אַזוי די דאָזיגע נעצען אויסצושפּרייטען. ווען איך האָב מיך פיעל מאָהל געוואונדערט אויף איהר אויפפיהרונג און איהר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז נישט אַנשטענדיג, אַז אַ פרוי, אַ מוטער פון דערוואַקסענע מיידלעך זאָל זיך ערלויבען אַזוי חנ'דלען און האַלבווינקענדיגע רייץ שמייכלען וועלכע פּאַסען זיך ניכער פאַר איהרע יונגע טעכטער — האָט זי זיך פערענטפערט, אַז זי איז דערמיט נאָרנישט אויסען

## קאָמוניקאַטען פון ברית - טרומפּלדור.

דעם לעצטען שבת האָט זיך דער היגער ברית-טרומפּלדור פערזאַמעלט אין אייגענעם לאָקאַל, כדי זיך צו געזעגענען מיט'ן ערשטען אח יוסף ראָזענצווייג, וועלכער איז אָבגעפאָהרען נאָך א"י. נאָך א רייהע געזעגנונג'ס-טאָאַסטען ענטפערט ח' ראָזענצווייג מיט דער הבטחה געהעריג צו רעפּרעזענטירען אין א"י דעם בית"ר בכלל און דעם ראַדאָמער בפרט.

* * *

ס'איז כדי צו בעמע'קען, אז לעצ-

טענס פיהרט דער ראַדאָמער בית"ר א שטאַרקע טהעטיגקייט. די וואָך האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די רעפּעטיציעס פון אָרקעסטער. וואַהרשיינליך וועט שוין דעם ל"ג-בעומר מאַרשירען דער היגער בית"ר צום טראַדיציאָנעלען אויספלוג אונטער די קלאַנגען פון אייגענעם אָרקעסטער. דאָס וועט זיכער געפונען א אָפּקלאַנג אין די ברייטע קרייזען פון די ראַדאָמער בעפעלקערונג.

## פון רעוויזיאָניסטען - פערבאַנד.

### קאָמוניקאַט.

דעם 30 מערץ ד. י. איז אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרגעקומען א אָרגאַניזאַציאָנס-פערזאַמלונג. נאָך דער רעדע פון ח' ראָזענפעלד וועגען דער דיסציפּלין און פליכטען פון רעוויזיאָניזם, איז אָנגענומען געוואָרען אייניגע רעזאָלוציעס, נאָכהער איז מען צוגעטרעטען צום וואַהל פון א קאָמיטעט, אין וועלכען ס'זענען אויסגעווע"ה"ש געוואָרען פאָלגענדע פערזאָנען: פּרעזעס — ראָזענפעלד אַרנאָלד, וו.-פּרעזעס—ניידיק מרדכי, קאַסירער—מידלער יצחק, סעקרעטאַר—טייכמאַן חיים.

נאָכ'ן וואַהל פון א קאָמיטעט האָבען זיך די מיטגלידער פרייוויליג בעשטייערט מיט א חודש-אָבצאָהל. אין דער נאָהנסטער צייט טרעט צו דער פערבאַנד צו דער אַקציע פון קרן "תל-חי".

די נעכסטע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון רעוויזיאָניסטען-פערבאַנד וועט פאָרקומען שבת דעם 5/4 1930 8 אזייגער אָווענד אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַלע מיטגלידער ווערען אויפגעפאָדערט פּינקטליך זיך צוצושטעלען.

## קאָנצערט פון בעריהמטען פידעל - ווירטואָז שמעון באַקמאַן אין ראַדאָם.

דער יינגער ראַדאָמער בחור שמעון באַקמאַן, וועמען ראַדאָם קאָן שוין פון לאַנג אַלס טאַלאַנטפולען און בעגאַבטען פידעל-קינסטלער, איז לעצטענס נאָך מעהר עולה לגדולה געוואָרען און דערגרייכט פשוט א וועלט-רוהם. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין לעצטען טריאומף, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטען אויף די עגזאַמענס פון די וויענער הכערע מוזיקאַלישער אַקאַדעמיע, איז זיין נאָמען דורך די ראַדיאָ-כוואַליעס פונאַנדערגעטראָגען געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט.

דעם ריהמפולען רעקאָרד, וואָס דער יונגער ראַדאָמער בחור'ל שמעון באַקמאַן האָט געשלאָגען, איז נישט בלויז א רוהם פאַר איהם אַליין, נאָר ס'איז אויך א כבוד פאַר אונזער שטאָדט ראַדאָם, וועלכע ווערט צוזאַמען מיט איהם באַבולער און איבעראַל דערמאָנט לשבח.

פון דער צאָהל 4300 שילער אויף די לעצטע עקזאַמענס אין דער וויענער מוזיקאַלישער אַקאַדעמיע האָט דער 18-יעהריגער באַקמאַן בעקומען די גרעסטע אויסצייכנונג. אין הסכם מיט'ן מנהג האָט דער פּרעזידענט פון דער עסטרייכישער רעפּובליק ד"ר ניקלאַס אויסגענומען דעם לאורעאַט, וועלכער האָט געשפּילט אייניגע פון זיינע בעסטע נומערן. דער פּרעזידענט האָט זיך פעראינטערעסירט מיט'ן טאַלאַנטירטען יונגערמאַן און זיך אויסגעפרעגט וועגען זיין פּריוואַט-לעבען. דער ווירטואָז האָט געדאַנקט דעם פּרעזידענט פאַר דעם, וואָס די מוזיק-אַקאַדעמיע האָט איהם 5 יאָהר געגעבען די מעגליכקייט צו שטודירען אומזיסט.

אזא זיגרייכער ערפאָלג קאָן נישט אויסגעטייטשט ווערען מיט צופעליגקייט. נאָר דאָס איז א ענין, וואָס האָט א שייכות מיט גאונות און ווירטואָזיטעט, וואָס לאו כל אדם זוכה און נאָר יחידי סגולה זענען מסוגל צו דערהויבען זיך צו אזא מדרגה.

דינסטאָג, דעם ערשטען טאָג חול המועד פסח, טרעט-אויף שמעון באַקמאַן אין ראַדאָם אויף א קאָנצערט אין טעאַטער "ראָזמאַיטאָשטשי". מיט א טאָג שפּעטער, ס'הייסט מיטוואָך, דעם צווייטען טאָג חומ"פ האָט ער א קאָנצערט אין קעלץ.

ס'איז קיין ספק נישט, אז איןביידע שטעדט וועט אונזער בן-עיר אויפגענומען ווערען מיט ענטוזיאַזם און זיינע קאָנצערטען וועלען געקרוינט ווערען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג.

---

רעקטער. אזוי דאַרף טאַקע זיין — האָב איך זיך אַליין געמוסר'ט — וואָס דען, אז מ'ווערט אַלט פערציג יאָהר, מוז מען שוין אַלט ווערען און אָנהויבען זאָגען תחינות! אדרבא, ס'איז דאָך פאַר'ן מאַן אייך בעסער, ווען אפילו ארויסצוציהער א ביסעלע אין די עלטערע יאָהרען, אז ער האָט א יונגערע פרוי, בפרט נאָך איהר שיק, איהר עלעגאַנץ, איהר פאַרנעמע האַלטונג בעשיינט דאָס הויז און אַלע רעכענען זיך דערפאַר מיט איהר. אזוי די יונגעלייטלעך, וואָס שרכ'ענען זיך צו די מיידלעך און אזוי די פרעמדע סוחרים וואָס פיהרען דאָ מסחרים אויף די שווערע טויזענדטער.

נאָך אזעלכע מחשבות'ן בין איך שטענדיג געוואָרען ביי זיך שטאָלצער. וואָס איך האָב אזא שעהנע און גראַציעזע פרוי. איך בין געוואָרען וואָס אַמאָהל מעהר צופרידען. ס'איז אזוי חייט אויעס, אז איך האָב מיט דער צייט פולשטענדיג אויסגעמעקט מיינע אַלע איבערלעבענישען און ערינערונגען פון מיינע אַמאָליגע פערגאַנגענע יאָהרען באַלד נאָך אונזער חתונה. אַלץ איז פערשוואונדען ווי א נעפעל. איך האָב שוין נישט געטראַכט און אפילו געדענקט די גאַנצע געשיכטע מיט'ן פערשווינדען ווערען פון מיין ערשט קינד. א כמעט נאָכ'ן ברית, איך האָב גענצליך פערגעסען די געשיכטע פון רוסישען פּאָלקאָווניק. פון מאַסקען-באַל. כ'האָב יעצט שוין נישט געוואָלט קיינמאָהל אויסדרעהען דאָס פּנים צו יענער פערגאַנגענהייט, ווייל אויסגעווזען האָט זיך מעהר יעצט, אז דאָס אַלעס, וואָס האָט דאַמאָלסט פּאַסירט איז נישט מעהר געוועזען ווי א חלום.

(פאָרטזעצונג קומט).



פרייטאָג אויף דער נאַכט איז יעדער איד א מלך,
אין יעדען ווינקעל לייכט און אין דער שטוב איז פרעהליך,
די חלה איז דאָך זיס, די מאַמעניו זי שיינט:
מיט "צערעס" האָב איך זיי געבאַקען פאַר אייך היינט!




דאָס 100% ריינע קאַקאַאָ-פעטס "צערעס" ווערט פון אָנהויב ביז'ן סוף פאַבריצירט אונטער דער שטרענגער השגחה פון בעקאַנטען רב הגאון ר' שמחה פרענקעל פון סקאָדינאַ און דעמפּערעכט אזוי-ארום אַלע כשרות-פאָרשריפטען. קאָן אַלזאָ בעסטענס עמפּפּוילען ווערען אפילו פאַר די מהדרין מן המהדרין. פערלאַנגט אויסדריקליך נאָר "צערעס" מיט'ן הכשר-שטעמפּעל און וואָרפט אָב זאָנבעקאַנטע, מינדערווערטיגע פאַבריקאַטן.

# דער פראצעס צווישען געוו. קהל - שרייבער מיט דער נייער קהלה - פערוואלטונג.

## ער פערלאנגט נישט מעהר נאר פאר 6 מאנאטען, אבער לסוף האט ער זיך דערשראקען און אנולירט דעם פראצעס.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, האט דער געוו. קהל-שרייבער רובינליכט איינגעקלאגט די היינטיגע קהלה-פערוואלטונג אין ארבייט'ס-געריכט. ער האט ארויסגעשטעלט א געלד-תביעה, אז די יעצטיגע קהלה זאל איהם בעצאהלען פאר 6 מאנאטען אין דער פארם פון א ענטשעדיגונג.

דער פראצעס איז געווען בעשטימט אויף עהרנעכטען מיטוואך. די קהלה האט אנפערטרויט די פערטיידיגונג דעם געוו. פראקוראר און היינט גוט-בעקאנטען אדוו. לינדעמאן. אויף אבצושלאגען די טענות פון ה' רובינליכט, האט די גמינע ארויסגעשטעלט פאלגענדע ארגומענטען: 1) היות ווי ס'פיהרט זיך היינט א איינשפארונג ארום די בעגאנגענע מיסברויכען פון דער פריערער קהלה-פערוואלטונג און אזוי ווי די הויפט-בעשולדיגונג ווערט פארנעווארפען דעם ה' רובינליכט אלס פאקטישער אנפיהרער פון דער פערוואלטונג, 2) אזוי ווי זיין געלד-תביעה שטיצט זיך בעיקר אויפ'ן נייעם בודזשעט פון היינטיגען יאהר, וואו מ'האט געוואלט אדורכשמוגלען א גרויסע הוספה, פאר'ן זעלבען, וואס דערגרייכט צו א מיניסטעריאלע פענסיע אין היות ווי יענער בודזשעט איז אנולירט געווארען און ווערט אויף דאס ניי בעארבייט אין א גאנץ אנדערען פארם, פאלט ממילא פולשטענדיג אב זיין פאדערונג, וואס איז געבויט אויף א בטל-געווארענע זאך. 3) אזוי ווי דער געוו. פרעזעס פון קהלה-פערוואלטונג „דער וואס מישט זיך נישט" ה' קעניגסבערג האט איינגעארדענט א פרעכטיגע דירה פאר א סעקרעטאר פאר קהל'ש געלד און אזוי ווי דער זעלבער ה' רובינליכט וואס פערנעמט אט די וואהנונג, איז יעצט בעזייטיגט פון זיין סעקרעטאר-פאסטען אלזא בעדארף ער אברייניגען די דירה און זי איבערגעגעבען צו דער דיספאזיציע פון דער יעצטיגער קהלה, פאר דעם ניי-אנגאזשירטען סעקרעטאר.

דער ערשטער מאטיוו ווערט אפיציעל בעשטעטיגט דורכ'ן ה' סטאראסטא לויט וועלכען ס'ווערט געמאלדען דעם געריכט, אז ה' רובינליכט ציזאמען מיט דער פריהערדיגער קהלה-פערוואלטונג זענען איבערגעגעבען צו דער אויספארשונג פון דער פראקוראטור, אויפ'ן יסוד פון דער דורכגעפיהרטע רעוויזיע אין גמינע.

מיטוואך האבען זיך די צדדים געמאלדען אין געריכט. ה' רובינליכט האט ארויסגעשטעלט דעם אדוו. מוליער. און אלס עדות אנגעגעבען דעם געוו. דאזאר ה' מייזעלס. דעם זעלבען טאג איז לויט דער רייה ארויסגעקומען צו זיין אין בייזיין אלס לאווניק אין ארבייט'ס-געריכט דעם ה' ישראל דיאמענט. די קהלה-פערוואלטונג געוואהרווערענדיג דערפון האט גלייך אנגעשריבען א בריעף צו איהר אדוואקאט צו קוועסטיאנירען דעם בייזיין פון ה' דיאמענט ביי דעם דערמאנטען פראצעס, אנגעבענדיג דערצו איינציגע מאטיוען.

ביים ארייגרופען די צדדים צו דער געריכטס-פערהאנדלונג האט ה' רובינליכט געמאלדען דאס געריכט, אז צוליב דעם, וואס ער האט דעם פראצעס שלעכט איינגעפיהרט, אלזא אנולירט ער דעם פראצעס און דערביי לאזט ער זיך איבער די רעכט ווען עס איז דעם פראצעס צו בעניייען.

ווי ס'ווייזט, אלזא, אויס האט ה' רובינליכט דערשמעקט די נישט גוטע פאר איהם אומשטענדען און דערמאנענדיג זיך, א פנים, פון בעקאנטען פאלק'ס - שפריכווערטעל: „מאהן דיך נישט קיין ירושה-געלד כדי זאלסט נ'ט דארפען צוצאהלען קיין קבורה-געלד" — האט ער זיך פון דעם „אלדענעם" עסק ארויסגעצויגען.

צום פראצעס איז אויך געקומען דער דעפערענט פון סטאראסטווא ה' סטעלמאכאח.

# יודיש טעאטער אויף יום - טוב.

דעם צווייטען טאג יום-טוב וועט אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אויפטרעטען דאס בעריהמטע פארל לילית און גאדיק מיט א נייעם רעפערטואר ערב זייער אבפאהרען קיין א יטלאנד.

דעם צווייטען טאג חומ"פ, מיטוואך, שפילען אין ראדאם די פאפולערע און טאלאנטפולע ארטיסטען דיאנא בלוימענפעלד און יאנאס טורקאוו מיט זייער אנסאמבל.

מוצאי יום-טוב שפיעלט א יודישע טרופע אונטער דער לייטונג פון דעם אין ראדאם בעקאנטען ארטיסט ה' ביאלקאוויטש.




Przy
zaziębieniu
reumatyźmie
bólach głowy
ASPIRIN-
-tabletki

Oryginalne opakowanie z czerwoną banderolą i znakiem „BAYER" i kasiecie krzyża są do nabycia we wszystkich aptekach.



# וואס איז אזעלכעס „כרמל"?

St. CARMEL Varsovie — Vins et Cognacs naturels de Palestine

TRADE MARK

מיט'ן נאמען „כרמל" ווערט בעצייכענט דער וויין פון באראן ראטשילד'ס וויין-קעלערען אין ראשון-לציון, וואו עס ווערען אויסגעארבייט די ווינען פון די וויינגערטנער פון די יודישע קאלאניסטען אין ארץ-ישראל. די יודישע קאלאניסטען זענען צו דעם צוועק פעראייניגט אין איין קאאפעראטיווער געזעלשאפט אונטער'ן נאמען „אגודת הכורמים המשותפת".

באראן ראטשילד האט אין די דאזיגע וויין-קעלערען אריינגעלעגט מיליאנען דאלארען נישט אויף צו ציהען רוחים, נאר מיט'ן ציעל צו ענטוויקלען א גרויסע פראדוקציע פון אויסגעצייכענטען יודישען וויין, וועלכער זאל געווינען דעם וועלט-מארק. דערפאר טאקע זענען די „כרמל"-ווינען אזוי בעריהמט מיט זייער פרימא-קוואליטעט און זיי ווערען פערשפרייט דורך דער אלוועלטליכער „כרמל"-געזעלשאפט אין אלע לענדער און אויך אין פוילען אונטער די איבענשטעהענדע מארקעס.

„כרמל"-וויין פון באראן ראטשילד'ס קעלערען איז כשר אפילו למהדרין. דאס ווערט בעשטעטיגט דורך די רבנים הרה"ג רי"ח זאנענפעלד והרה"ג ראי"ה קוק שליט"א אין זייערע הכשרים-בריעף. אין ווארשא געפינען זיך די קעלערען פון „כרמל" אונטער א שטענדיגער השגחה פון הרב הגו' רח"י גוטשעכטער און פון דעם עהרען-מיטגליד פון דער געזעלשאפט הרב ר' אברהם מאיר מארגענשטערן.

די פאפולערקייט פון באראן ראטשילד'ס וויין ווילען א יחידים געוויסע סוחרים, כדי צו פערקויפען זייערע ווינען אלס „כרמל"-וויין.

זייט דעריבער פארזיכטיג ביים קויפען „כרמל"-וויין!
לאזט נישט שעדיגען דעם גוטען נאמען פון באראן ראטשילד'ס וויין!
ווארפט נישט ארויס אייער געלד אויף שלעכטע סחורה!
פאדערט באראן ראטשילד'ס „כרמל"-וויין, וועלכער איז פערזעהן מיט די אויבענשטעהענדע שוץ-מארקען!

# בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט, דאס איך האב פארזעהען מיין סקלאד מיט

## מנורה, אמאדאר, שרון, אגוד און שפייזעפעטס

ספעציעל יום-טוב'דיגע פוטער פארזעהען מיט א הכשר פון ווארשאווער און דאנציגער רבנים

ווי אויך ברימאיל יום-טוב'דיגע אין פעסער און בלעכען. קומט און איבערצייגט אייך!

רעפרעזענטאנץ **„אמאדא" דאנציג**

**י. זילבער, ראדאם, דלוגא 5**

טעלעפאהן 580,


## אויסבעסערונג.

אין שייכות מיט'ן נאטיץ אין פאריגען נומער פון אונזער צייטונג, ערקלערען מיר, אז ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזען רעדט זיך דא וועגען דער בעקאנטער קוואליפיקירטער בעאמטין אין מאגיסטראט, פרל. לעאניא נייפעלד, וועלכע האט אויפ'ן פערלאנג פון דער פריהערדיגער קהלה-פערוואלטונג אנגענומען דורכצופיהרען א געוויסע טהייל גמינע-ארבייט א. נ. „רעגיסטראציע טשלאנקיב" און אלס בעלוינונג איז איהר אפיציעל אויסגעצאהלט געווארען די דערמאנטע 200 זל. וואס פיגורירען אין די גמינע-ביכער.


## חמץ פערקויפען

קאן מען ביי

**הרב ישעי' זלאטניק**

קאשאראווא 4.



**כשר לפסח!** **בעקאנטמאכונג.** **כשר לפסח!**

איך האב די עהרע בעקאנט צו מאכען, דאס די לאנגיעהריג-עקזיסטירענדע

פירמע **ה. לאנדאו וואלאווא 35**

איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל שפירט 96-ער, 90-ער און 45-ער און אויך מיט פערשידענע וויינען, ליקערען, שליוועוויץ פון די בעסטע פירמעס, כרמל-ווײַן און מעד.

אלץ צו קאנקורענץ-פרייזען.

**ה. לאנדאו**

וואלאווא 35.


צו די חתונה פון אונזער פריינד

ה' נתן רובינשטיין מיט פר"ל רענא חאסיס

ווינשען מיר פיל גליק.

גבריאל אייזמאן עם פרוי


## איך בין נישט אזוי רייך, אז איך זאל קויפען ביליגע זאכען!

דעם 1-טען קוויטעשען ה. י. איז געווארען געפענט א אבטיילונג פון

**דאמען און קינדער-קאנפעקציע**

ווי: טארבעס, פאראסאלקעס, הענדשקעס פון די בעסטע ווארש. פירמעס.

די לייטונג פון די אבטיילונג איז אנפערטרויט געווארען די פרוי מאריא וואלקאנסקא.

פירמא **ח. לעוויצקא, לובלינער 33.**



כשר לפסח **קאנקורענץ!** כשר לפסח

ווייז, מעד, י"ש, כרמל

די לאנג-עקזיס- טירענדע פירמע **„ירמיה ראזענבערג"** (וואלאווא 21)

איז פערזעהן אויפ'ן קומענדען פסח מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

**וויינען אויסלענדישע און איינלענדישע, מעד,**

י"ש 96 ווי אויך כרמל-ווײַן און קאניאק.

די רעעלקייט און כשרות פון דער פירמא איז אלגעמיין בעקאנט.

דעריבער קויפט — נור ביי — **ירמיה ראזענבערג** וואלאווא № 21



די פאפולערע און איבעראל-אנערקענטע פארבערייע און כעמישע פראלניא

# פון י. ציכנער

נעמט אן צו פארבען און צו פוצען אויף א כעמישען אופן

**מענער און דאמען-גארדעראבעס, ווי אויך גארדינען, קאסטיומען, פאלטענס, קליידער, בלוזקעס,**

**און אלערליי פוטערווארג.**

דאס אלעס ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך, סאליד און ביי צוגענגליכע פרייזען.

בכדי צו פערלייכטערען די קליענטעלע האט די פירמע י. ציכנער, ספעציעל געעפענט א פיליע אויף זשעראמסקי 47 (לובלינער נעבען קינא „נאווע-טשארי") וואו עס ווערען אנגענומען אלערארט בעשטעלונגען פאר דער דערמאנטער פארבעריי און פראלניא.

**י. ציכנער** — ראדאם, — שפאציער-גאס **21**


## דאנקזאגונג.

דערמיט האב איך דעם כבוד צו דאנקען מייגע קאלעגען פון ארקעסטער קינא „נייער טשארי" אין די פערזאנען: אזשעכאווסקי, פינקעלשטיין, כוואט, ראגאזשינסקי, קריגער און צווייגענבערג — פאר די צוויי-יעהריגע מיטארבייט, מיט וועמען מיר זענען געווען אין די בעסטע בעציהונגען, וועלכעס ס'וועט זיין אין מיין זכרון אויף שטענדיג.

גלייכצייטיג מאך איך בעקאנט דער יודישער בעפעלקערונג, אז דעם 1-טען מערץ האב איך אויפגעהערט צו שפילען אין קינא „נייער טשארי" און דעם 1-טען אפריל האב איך אנגעהויבען צו שפילען אין קינא „קארטא".

מיט אכטונג **מאריא וואלקאנסקא.**


רײנקײט איז געזונד.

# די כעמישע זאקלאדען

פין רייניגען און פארבען פשענדזע, פוטער

אין אויך מענער און דאמען-גארדעראבעס אהן דעם מינדעסטען שאדען פון מאטעריאל, אויך וואשען פעדערן, גארדינען, קאראנעס, פליוש, סאמעט, מעבעל-איבערציג, גאבאלינען, דיוואנען, פארטערן אד"ג.

נייע ערפינדענע אפאראטען אויסצופערטיגען **גארדינען** ווי אויך ספעציעלע מאשינען צו דעקאטיזירען **טוך און קארטען**

**בעמערקונג** דאס פרעסען מענער-גארדעראבע, סוויטערס און פולאווערס א. ד. ג. ווערט אויסגעפירט דורך ספעציעלע אמעריקאנער מאשינען, וועלכע דיזענפעקצירן און שאדענען ניט דאס מאטעריאל.

די פרייזען זענען צוגענגליך, די ארבייט איז סאליד און פינקטליך.

דאס אלץ ווערט אויסגעפיהרט אין דער פראווע פארבעריי און כעמישע פראלניע פון **א. ר. העמפעל** עגזיסטירט פון יאהר 1880

די פירמע עמפפעהלט זיך אויפ'ן אנקומענדען פריהלינגס-סעזאהן דאס ג' פובליקום.

די אדרעסען פון די זאקלאדען זענען:

1) אלטע שטאדט נומער 5 טעלעפאן נומער 521

2) „ „ „ 2 „ „ „

3) זשעראמסקי „ 37 „ „ 520

רײנקײט איז געזונד.

## קאמוניקאט № 2

**וועגען פסח'ד"יג מעהל, מצות א. אנד. פסח-ארטיקלען**
וואס איז בהשגחת נאמנים בהכשר הרב אב"ד דפה ר' **יחיאל קעסטענבערג**
אין מורה - הוראה ר' **מענדיל קעסטענבערג**

פסח'דיג מעהל 1) פירמא „פראדוקט" (י. הירשענשטראס ושותפיו) וואהל 3
2) הירשל פעלדמאן—וואהל 7, 3) שמואל צוקער ושותפו יוסף וויינבערג, 4) נתן קורץ ושותפו יוסל וויינבערג 5) יצחק רעכטמאן—וואעל.

**מצה-בעקערייען**

| | |
|---|---|
| הירשל מלינארסקי ושותפיו קילינ. 21 | שיינדל זעגמאן ושותפי'—סטאצ. 13 |
| אברהם פרידמאן „ וויטאל. 8 | מרדכי קירשבערג ושותפיו רינעק 9 |
| יחיאל מיכל סראקענבערג „ נאוויגר. 15 | יצחק וועלטמאן „ „ 10 |
| נחום פאמעראנץ „ לובלינ. 84 | מאניס ווערבער „ „ 17 |
| יודל שטיינבערג „ לובלינ. 76 | יעקב זילבערמאן „ מאר.-גור. 4 |
| שלמה פארמיינסקי „ קאשאר. 3 | לייזער ראדאמסקי „ וואהל 31 |
| הירש צוקער „ סקאריש. 46 | יעקב קליינמאן „ שוהל-גאס 15 |
| לאה חייטמאן ושותפי' טשיסטא 5 | אהרן קאלינסקי „ דלוגא 24 |

פאר מצות און אנדערע פסח'דיגע ארטיקלען ווי: וואורשטען, קאקאס-פוטער, סאדע-וואסער, מצה-מעהל, ווין א. א. אהן שריפטליכען הכשר מהרבנים הנ"ל זענען מיר נישט פעראנטווארטליך פאר כשרות.

„שומרי שבת והדת".

## בעקאנטמאכונג.

שיינע דינע מאשין-מצות, ערשטקלאסיגע פיין מצה - מעהל, וואס איז צו בעקומען איז קאלאניאל-געשעפט לובלינער 9 איז כשר אף למהדרין מן המהדרין בהכשר הרבנים מלוצק און הרב שלמה דוד כהנא ווארשא, און איז אונטער'ן אויפזיכט מהרב יחיאל קעסטענבערג אב"ד דפה והרב ר' מענדל קעסטענבערג מו"צ.

שיין כשר און ביליג! קומט און איבערצייגט אייך!

**SKŁAD**
**Sukna, kortów futer** oraz magazyn ubiorów męskich
# M. BALICKIEGO
w Kielcach, ul. Kilińskiego № 9.

**Posiada na składzie**
**wielki wybór towarów sezonowych**
futra damskie. kożuszki zakopiańskie męskie i damskie oraz burki pod-różne, kurtki skórzane, kołnierze futrzane i szyjki różne.
Ceny Bardzo niskie. Warunki dogodne.

אכטונג! **נ י י ע ס!** אכטונג!

## קינא „שוויט"

**זונטאג** און **מאנטאג** דעם **13** און **14** ד. ח. (די ערשטע טעג פסח)
וועט דעמאנסטרירט ווערן
דער ערשטער ארבעטער-פילם

# „אונטער די פענער פון „בונד"

מיט זער א אינטערעסאנטן פאר - רעפערט
פון ה' **ז. ארטור**
ראטמאן פון ווארשעווער שטאדט - ראט
א. ד. ט. **„אויף די וועגן צו א ניי לעבן".**

נוצט אויס די געלעגנהייט!
לאזט זי נישט אדורך!

## ראדאמער אידען!

אויב איהר ווילט **מצות, מצה-מעהל** כשר למהררין מן המהדרין,
צו ביליגע פרייזען, שיינע מצות פון בעסטען און שענסטען מעהל
איז צו בעקומען נאר אין די ערשטקלאסיגע מצה-בעקעריי פון פירמא

# ה. מלינארסקי און שותפים

ראדאם, קילינסקא 21
בהכשר הרב אב"ד דפה ר' יחיאל קעסטענבערג
און עלטסטער מורה - הוראה ר' מענדל קעסטענבערג
אונטער דער אויפזיכט פון א נאמן פון „שומרי שבת והדת"
קומט און איבערצייגט אייך וועט איהר האבען א גוטע יום-טוב פאר ביליג געלד!







**Kino „ŚWIT" Teatr**
Dziś i dni następnych
# ZŁY CZAR
w rol. głown.: John Gilbert i inn.
Nad program! Świetna komedja p. t.
NOC POŚLUBNA NA RATY

**Kino NOWE CZARY Teatr**
Dziś i dni następnych
ulubieniec kobiet RAMON NOVARRO
w salonowo erotycznym dramacie
z życia dworskiego p. t.
ZAKAZANE GODZINY
oraz NORMA TALMADGE
w filmie salonowo-sensacyjnym p. t.
Gołębica.

**Kino ODEON Teatr**
Od poniedziałku dn. 31 Marca
I. Przepiękny dramat p. t.
**KARUZELA ŚMIERCI**
w rolach głównych:
Claire Romer i Jean Murat
II.
Żółta kontrabanda

**Kino CORSO Teatr**
Dziś i dni następnych
UśMIECH LOSU
w roli głównej:
Jadwiga Smosarska i Węgrzyn.
TANCERKA
PORTOWEJ TAWERNY

**Felczer H. GRINSZTAJN Radom, Lubelska 30.**

Redaktor Ch. M. Herc Drukarnia Wyd. „Radomer Kielcer Leben" Radom, Szwarlikowska 20.